"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

**'התחדשות השנה'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר נ"ז**

אלול שנת תשפ"ו לפ"ק

# סימן טוב ומזל טוב

קדם האי גברא רבא ויקירא, איש ישר וטוב לב, אהוב למעלה ונחמד למטה, תורת חסד על לשונו, זכה לשתי שולחנות דקדושה, ה"ה

## מוה"ר **צבי (הערשל) קליין** הי"ו

## מעמודי התווך – וממקורבי מורינו הגה"צ שליט"א

## לרגל שמחת אירוסי נכדו החתן החשוב והיקר

כמר **מרדכי אליהו** הי"ו

בן ידידינו וידיד כל בית ישראל

## הרה"ג רבי **יואל ווייס** שליט"א

**אב"י בעיר לעיקוואד יצ"ו**

עב"ג

## מוה"ר **יחזקאל קליינבערגער** הי"ו

ממעון הברכות יתברך שהחיתון יעשו יפות, ויזכה לראות רב תענוג ונחת דקדושה, שפע ברכה והצלחה במעשי ידיו לטובה ולברכה להרים קרן התורה, עץ חיים היא למחזיקים בה, ובודאי שהקב"ה ישלם לו משכורתו שלימה, שבזכות הרבצת תורת מורינו הגה"צ שליט"א יתברך בכל מילי דמיטב ברוחניות ובגשמיות, ויתברך בכל הברכות האמורות בתורה, עושר ואושר, חיים נצחיים ומתוקים, ויזכה לשתי שלחנות בהרחבת הדעת ומנוחת הנפש בבריאות איתנה ונחת דקדושה מכל יוצ"ח אמן.

**לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות**

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com

**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**

**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**

©

כל הזכויות שמורות

מכון דורשי יחודך

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר

'טוב אחרית דבר מראשיתו' ........ א
ווער איז חשוב'ער? ........ ג
דערקענט די אידישע סטודענטן ........ ד
נישט טראכטן פארקערט ........ ז
דער תכלית פון יעדעס שטיקל ערד ........ ז
ארומגעדרייט מיט עשיו'ן ........ ט
יום המלָכָה ........ י
'אכלו משמנים ושתו ממתקים' ........ יג
התחדשות בכל רגע ורגע ........ יד
שוין געשטאנען העכער זיי ........ טז
'התָם ומתַמם עם תְמימים' ........ יט
'יום הזכרון' ........ כא
זען פארקערט ........ כג
פשוט אפגעגארט ........ כד
אויפגעהערט צו זען ........ כו
'לחזות בנועם ה'' ........ כז
געלוינט צו באשאפן ווערן ........ כח
דער פריץ מיט'ן איד'ל ........ ל
כלליות התיקון ........ לב

**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס״ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה״ה

מוה״ר **ישכר דוב קויפמאן** הי״ו

ואחיו מוה״ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי״ו

מוה״ר **צבי קליין** הי״ו

מוה״ר **שלמה פעדער** הי״ו

מוה״ר **יוסף מרדכי כהנא** הי״ו

מוה״ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי״ו

מוה״ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי״ו

מוה״ר **יואל הירשפעלד** הי״ו

מוה״ר **יודא ארי׳ מיללער** הי״ו

מוה״ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי״ו

ויה״ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר נ"ז

## 'התחדשות השנה'

**'טוב אחרית דבר מראשיתו'**

**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך.** דער אויבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל זאגן וואס מען דארף זאגן. **ויהי נועם ה' אלוקינו עלינו, ומעשה ידינו כוננה עלינו, ומעשה ידינו כוננהו.**

**חז"ל** זאגן[א] אויפ'ן פסוק: "**בְּרֵאשִׁית**" - **'בזכות התורה שנקראת ראשית'**; אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער בריאה 'בזכות התורה' וואס דאס איז 'עלה במחשבה תחילה' - 'שנקראת ראשית'; **'ובזכות ישראל שנקראו ראשית'** - בזכות די אידן וואס זיי גייען מקיים זיין דער תורה; אידן אליין זענען דאך 'עלה במחשבה תחילה'; **'ובזכות משה שנקרא ראשית, שנאמר**[ב]: "וַיַּרְא **רֵאשִׁית** לוֹ כִּי שָׁם חֶלְקַת מְחֹקֵק סָפוּן"'.

חז"ל פירן דארטן אויס נאך זאכן: **'בשביל חלה שנקראת ראשית'** - אזוי ווי עס שטייט[ג] "**רֵאשִׁית** עֲרִסֹתֵכֶם"; **'בשביל תרומה שנקרא ראשית'** - "**רֵאשִׁית** דְּגָנְךָ"[ד]; **'בזכות ביכורים'** - "**רֵאשִׁית** בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ"[ה].

---

**א.** בראשית רבה א, ד.

**ב.** דברים לג, כא.

**ג.** במדבר טו, כ.

**ד.** דברים יח, ד.

**ה.** שמות כג, יט.

לכאורה, דאס אז 'בזכות התורה שנקראת ראשית' - איז אוודאי, דאס איז דאך דער גאנצער בריאה, "אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי"[ו]. און דאס אז 'בזכות ישראל שנקראו ראשית', איז אויך, דאס איז דאך דער תכלית הבריאה וואס וועט זיין, די שעשועים פון אידן מיט'ן בורא עולם. און דאס אז 'בזכות משה שנקרא ראשית', איז אויך, דער צדיק ער איז דער 'נותן התורה', דער שורש, סיי פון דער תורה הקדושה, סיי פון כלל ישראל; דאס גייט אויף אלע צדיקים 'יחידֵי הדורות', אזוי ווי עס שטייט[ז]: **"בְּהִבָּרְאָם"** - **'באברהם'**[ח]; ווייל די צדיקים, זיי האלטן אויף דאס יהדות פון דעם כלל ישראל.

אבער בזכות 'חלה' 'ביכורים' 'תרומה' - לכאורה דאס איז דאך (סך הכל) פרטי מצוות פון דער הייליגער תורה וואס זיי גייען אריין (צווישן אלע אנדערע מצוות) אין די תרי"ג מצוות?

למעשה, די צדיקים ברענגען אראפ: **"קַדֶּשׁ לִי כָל בְּכוֹר"**[ט]; אויב דער 'ראשית', די 'התחלה', איז גוט, ווערט אלעס 'נגרר בתר ההתחלה'[י].

אזוי ווי מען זעט ביי תפילין. עס שטייט אין **שולחן ערוך** סימן ל"ב[יא]: ווען מען לייגט אריין די פארמעט, די קלף, די עורות, אין סִיד 'בתחילת העבודה', זאל מען זאגן 'לשם קדושת תפילין'. נאכדעם

---

**ו.** ירמיה לג, כה.

**ז.** בראשית ב, ד.

**ח.** בראשית רבה יב, ט

**ט.** שמות יג, ב.

**י.** עיין 'כתר שם טוב': **יזהר האדם** שיקדש ויטהר דיבורו הראשון, **ויזדכך מחשבתו הראשונה** שתהיה דבוקה בקדושה, כדי שימשוך אליה כל שאר הדיבורים שאחריה, **ואחר כך** כשיעמוד בתפילה מתוך שמחה של מצוה, **כמו שקידש דיבורו ומחשבתו כנ"ל, בוודאי יענה בתפלתו**; ועיין 'אגרא דפרקא' אות ר"ה איך שביאר זה בפסוק 'קדש לי כל בכור' עיי"ש.

**יא.** סעיף ח.

קען מען אפארבעטן כמה שבועות, אפילו ער טראכט נאר אז ער וויל גוט אויסארבעטן די פעל.

ווי שטייט[יב], "**טוֹב אַחֲרִית דָּבָר מֵרֵאשִׁיתוֹ**"; 'ווייל' ביי דער 'ראשית' האסטו אריינגעטון דיין כוונה אויף תפילין, קענסטו שרייבן און מאכן תפילין, אפילו די גאנצע דריי וואכן האט ער נישט געטראכט; עס איז 'גופא בתר רישא גריר'[יג].

די התחלה, "קדש לי כל בכור", דאס איז א געוואלדיגע נקודה[יד].

## ווער איז חשוב'ער?

כ'האב אמאל געזאגט א משל: א טאטע מיט א קינד זענען געווען אונטערוועגנס און עס האט זיך זיי געענדיגט די עסן. דער טאטע איז שטארק הונגעריג, און דאס קינד איז שטארק הונגעריג. עס גייט אריבער נאך א האלבע טאג, נאך א האלבע טאג, נאך א נאכט, געוואלד, זיי זענען הונגעריג, דער טאטע מיט'ן קינד זענען הונגעריג.

---

**יב.** קהלת ז, ח. עיין רש"י שם בפירושו השני, וז"ל: דבר אחר, 'טוב אחרית דבר מראשיתו', בזמן שהוא מראשיתו טוב שנתכוונו לטובה כשהתחילו בו.

**יג.** גמ' עירובין דף מא ע"א.

**יד.** עיין ספר 'בית יעקב' (אלכסנדר) פר' בראשית: מבואר במדרש (ויק"ר ל"ו ד'): בראשית בשביל ישראל שנקראו (ירמי' ב', ג') ראשית תבואתו, בשביל תורה שנקראת (משלי ח', כ"ב) ראשית דרכו (ילק"ש בראשית פ"א, רמז ב'), בשביל ביכורים שנקרא (שמות כ"ג, י"ט) ראשית ביכורי אדמתך (ב"ר א' ו'). ולהבין דברי המדרש אקדים מה **ששמעתי ממורי הרב הקדוש מפרשיסחא זצללה"ה**, שהקשה הרי התורה היא תמידית, ואיך שייך בכל עת מצות ביכורים? ופירש שבכל יום בבוקר כאשר קם אדם משינתו מחויב לקיים מצות ביכורים לפנות ראשית מחשבתו לשמים, וראשית הזמן לשעבד רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו לה' ב"ה, ואמר רמז לזה, "תביא בית ה' אלהיך (שמות כ"ג, י"ט), תיבת "תביא נוטריקון ת'ביא ב'ית ה' א'לקיך, ואפשר לומר שנכלל בכונתו ג"כ שההילוך וההבאה הוא ממש כמעשה הביכורים, ירצה שהכוונה למצוה כגוף המצוה. ובזה מובן דברי המדרש בשביל ישראל שנקראו ראשית, היינו כאשר יקיימו התורה שנקראת ראשית, ובמה יזכה אדם לתורה, הוא ע"י מצות ביכורים שנקרא ראשית, היינו להפריש ראשית ומיד כשיעור בבוקר משינתו לשמים ועל ידי זה יזכה להיות כל היום בקדושה, כי על ידי זה נקרא כל היום שיריים מקודשה, **כאשר שמעתי כן בפירוש ממורי זצ"ל מווארקא**.

נאכדעם האט זיי דער אויבערשטער געהאלפן, ער האט זיי געמאכט וועגן פון וואו זיי זאלן האבן צו קויפן עסן. שוין. בעט דער טאטע - גיב מיר צו עסן.

אויב די ערשטע זאך גיט ער דעם קינד, איז א סימן ער האט ליב דעם קינד מער ווי אים; אויב אבער ער עסט פריער, ער לאזט ערשט דעם קינד הונגערן און דערנאך גיט ער דעם קינד, איז א סימן אז ער האט זיך ליב מער ווי דעם קינד; ווען ער גיט צו עסן פריער, דאס איז דער עיקר; דער 'ראשית' דאס איז א געוואלדיגע זאך.

ביי **רבי אפרים'לען ע"ה**[טו] האט מען דאס געזען, ער איז געגאנגען עסן - כדי צו מאכן א 'ברכה'! ער האט געהאט א הנאה אז די עסן איז געשמאק - כדי ער זאל קענען מאכן א געשמאקע 'בורא נפשות'! מען האט דאס געזען בפועל ממש.

'ראשית', 'ראשית', דאס הייסט 'געלעבט', דעמאלס איז די 'גשמיות' - 'רוחניות'.

## דערקענט די אידישע סטודענטן

דרך אגב, איך האב אמאל געזען א שיינע זאך, עפעס א גדול, א ליטווישער גדול דאכט זיך, איז אמאל געפארן אויף א באן.

---

**טו.** ה"ה **הגה"ח ר' אפרים צבי** בן הג"ר אלתר בן ציון **קראקאווסקי ז"ל**, הנקרא בלשון חיבה ר' אפרימ'ל, נולד שנת תר"מ בפשעדבארז' שבפולין, לאביו הג"ר אלתר בן ציון ז"ל חבר בד"ץ פשעדבארז'. היה דור חמישי מהרה"ק ר' דוד מלעלוב זצ"ל, ואחר פטירת אביו נתמנה רבי אפרים צבי למלאות מקום אביו. נתקרב לרביז"ל ותלמידיו על ידי רבי נחום שוסטער ז"ל, עלה לארץ ישראל בערך בשנת תרצ"ה, היה גדול בתורה ביראה וקדושה, וענוותנותו וטוב לבו היו פלאות, תמיד היה שואל בשלום ילדים קטנים כבן גילם ממש, וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א (אוסף מכתבים חלק ב' מכתב ע"ח) שהרה"צ רבי אפרימ'ל זצ"ל בעל ספר המכתבים הנקרא 'עונג שבת', שכידוע היה מאנ"ש, היה "גאון עולם ועניו וצדיק", עכ"ל, ועיין בספר מעינים בנחלים (מכתב ט"ו) כמה סיפורים נפלאים ששמע הגר"מ קרעמער שליט"א ממורנו הגה"צ שליט"א אודותיו, לאחר הסתלקותו נקבצו קצת ממכתביו מלאי גאונות ולמדנות בספר 'עונג שבת', 'מכתבי רבי אפרימ'ל', ולאחרונה נסדרו מחדש על סדר הפרשיות בספר הנקרא 'שערי אפרים', נסתלק ט"ז טבת שנת תש"ו, בהיותו בן ששים

אין די פריערדיגע דורות איז געווען א גרויסע מגיפה וואס בחורים זענען געגאנגען שטודירן, עס איז געווארן פון זיי 'גארנישט מיט גארנישט'! ווער ווייסט צו די קינדער זייערע זענען אידן היינט?! - ה' ירחם די 'השכלה'!

דער הייליגער **רבי** איז אזוי געווען אנטקעגן 'השכלה', דער רבי האט כסדר גערעדט פון תמימות, תמימות, גלויבן אין בורא עולם.

דער גדול איז געזעסן אויף דער באן. זענען געזעסן דארט א חבורה פון סטודענטן, דעליקאט, און פארברענגט.

עס איז געקומען דער זמן וואס מען דארף גיין עסן, האט דער פאַרשטייער דארט געעפנט א ברויט און געטיילט פאר אלעמען ברויט, מיט א שטיקל קעז, צו עפעס אנדערש, אזוי צו יעדן איינעם.

דער גדול איז דערווייל געזעסן און באטראכט אלעמען.

אז זיי האבן געענדיגט עסן, זאגט ער זיי: "איך וועל אייך ווייזן א שיינע זאך; איך קען אייך זאגן ווער פון אייך עס איז געבוירן אין א פרייע שטוב, און ווער אין א אידישע שטוב". עס איז געווען פון זיי וואס זענען שוין געבוירן געווארן אין פרייע שטיבער, און עס איז געווען פון זיי וואס זענען נאך געבוירן געווארן פרום.

(האט ער זיי אנגעהויבן אויסרעכענען:) "דו ביסט געבוירן געווארן אין א פרומע שטוב, דו אין א פרייע, דו אין א פרייע, דו אין א ערליכע" - ער איז דורכגעגאנגען אלעמען. זיי זענען ממש נתפעל געווארן - ער האט צוגעטראפן - 'אלעמען'.

דערנאך, אז ער איז אראפ פון באן, פרעגט אים דער מענטש וואס איז מיטגעגאנגען מיט אים: "רבי, פון וואנעט האט איר דערקענט יעדן איינעם פון וואו ער שטאמט? - ממש אזא 'קידוש השם'!".

---

וששׁ שנים, ומנוחתו כבוד בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

האט ער אים געזאגט.

היינט - ברוך ה', 'הודו לה' כי טוב', איז דא מער שפע פון עסן און טרינקען. אמאל, אינדערפרי איז געווען איין זאך פאר דער 'צום ברויט', איין זאך, אדער קעז, אדער א שטיקל הערינג, אדער א שטיקל טאמאטע, דאס איז געווען אמאל. היינט - 'הודו לה' כי טוב'.

איז אמאל, אלע אידישע מאמעס האבן געוואוסט אז מען גיט א קינד א שטיקל ברויט מיט 'צום ברויט', האט מען פארגעשטעלט דעם קינד: "מאך א ברכה 'המוציא', נעם אריין פריער אביסל ברויט אין מויל - ווייל די ברכה גייט אויף דער ברויט, און דערנאך נעם אריין די שטיקל קעז (וכדו')".

אזוי איז געווען, אלע אידישע מאמעס האבן אזוי אויסגעלערנט אלעמאל; "די 'צום ברויט' גייט נאך דער ברויט" - אלע אידישע קינדער האבן אזוי געוואוסט.

האט דער גדול געזאגט: "איך האב געגעבן א קוק ווען מען האט געגעבן די ברויט מיט די 'צום ברויט', האב איך געזען, איינער לייגט די ערשטע זאך אריין די 'צום ברויט' אין מויל און דערנאך די ברויט, און אַן אנדערער האב איך געזען לייגט אריין פריער די ברויט אין מויל און דערנאך די 'צום ברויט'.

האב איך פארשטאנען, פארוואס ער טוט אזוי.

לכאורה, א קינד האט דאך ליב די געשמאקע זאך, וואלט ער געדארפט אריינלייגן פריער אין מויל די 'צום ברויט', די קעז, דאס איז דאך דער 'גוף', די געשמאקע זאך, פארוואס לייגט ער אריין פריער די ברויט? נאר ווייל די מאמע פון קינדווייז אָן - פופצן יאר נאכאנאנד - האט אים אויסגעלערנט אלעמאל אריינלייגן די ברויט אין מויל, איז ער געווען אזוי איינגעוואוינט.

אזוי איז טאקע געווען.

'בראשית', 'בראשית', דאס איז א מורא'דיגע זאך.

## נישט טראכטן פארקערט

מ'האט פריער געזאגט, ביים אויסארבעטן די עורות, די פעל, זאגט מען 'לשם קדושת תפילין'; נאכדעם אז ער ארבעט אפ אפאר וואכן אפילו ער האט נישט אינזין נאר אז עס זאל ארויסגיין גוטע פארמעט, גייט עס 'בתר תחילת המחשבה' וואס די מחשבה איז געווען 'לשם קדושת תפילין'.

נאר איין זאך, מען דארף אכטונג געבן עס זאל חלילה נישט זיין קיין מחשבה אויף פארקערט.

דאס הייסט אזוי, אפילו ער האט נישט געטראכט פאר תפילין, ער האט נאר געטראכט אז עס זאל ארויסגיין גוטע פארמעט, אבער אז די 'התחלה' איז גוט, איז "טוב אחרית דבר מראשיתו", דער 'אחרית' וועט זיין גוט, ער וועט קענען שרייבן און מקיים זיין די מצוה פון תפילין; פארוואס? ווייל דער 'ראשית' איז געווען גוט.

נאר וואס דען, חלילה נישט פארקערט, נישט פארקערט, חלילה אז ער טראכט אינמיטן פארקערט, אז ער טראכט אינמיטן אז די עורות וועט זיין צו מאכן לעדער פאר שיך, איז ערלעדיגט, האט ער גע'פסל'ט די ערשטע מחשבה.

אט דאס דארף מען אלעמאל אכטונג געבן. א מענטש איז נישט קיין מלאך. אז ער טוט נישט קיין שלעכטס, ער מאכט נישט קיין שלעכטע 'התחלה', איז די גאנצע גשמיות גייט פאר רוחניות און עס ווערט א 'מרכבה לקדושה'. אבער נישט פארקערט חלילה; טראכט מען פארקערט - חס־ושלום.

## דער תכלית פון יעדעס שטיקל ערד

דאס איז טאקע דער ענין פון "**מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים**"[טז]; דער אויבערשטער איז משבח די ערד. אויך ביי יעקב אבינו שטייט[יז] אז

טז. שיר השירים ז, ב.

יז. חולין דף צא ע"ב.

די שטיינער האבן זיך געקריגט: "עלי יניח צדיק את ראשו, עלי יניח צדיק את ראשו". ווייל די וועלט איז באשאפן געווארן למען רצון ה'. עס איז א זכות פאר א 'דומם' אז עס איז געטון געווארן מיט אים רצון ה', וועגן דעם איז ער באשאפן געווארן.

"מה יפו פעמייך" - זאגן חז"ל[יח]; דער דרש גייט אויך אויף "מי מנה עפר יעקב"; אז יעדעס טריט וואס א איד איז געגאנגען עולה רגל זיין, איז די ערד האט געהאט א זכות, די ערד מיט די שטיינער האבן געהאט א זכות דארט אוואו א איד איז געשטאנען[יט] - 'אט דא איז א איד געגאנגען "לֵרָאוֹת אֶת פְּנֵי ה'"!'.

איי עס האט דאך געדויערט א וועלט מיט צייט, און אינמיטן דארף מען עסן, טרינקען, שלאפן, זיך אפרוען; ניין, עס איז א געוואלדיגער זכות - דו ביסט געווען די ערשטע מחשבה; ווייל אוואו פארסטו? איך פאר 'ליראות את פני ה'' - איז דאס א זכות פאר יעדעס שטיקל ערד.

אבער איין זאך, טאמער הויבט מען אָן גיין אויף צוריק, מען האט חרטה, איז ערלעדיגט; די ערד טראכט, צו וואס בין איך באשאפן געווארן - אז מען זאל גיין אויף צוריק?![כ].

---

**יח.** סוכה דף מט ע"ב.

**יט.** עיין 'אלשיך' בספרו 'דברים נחומים' על איכה, עה"פ 'דרכי ציון אבילות', וז"ל: דרכי ציון וכו'. במדרש (איכה רבה א ל) אמר רב הונא הכל מבקשין תפקידן כו', אמר רב אבדימי דמן חיפא **אפילו דרכים מבקשין תפקידן**, הדא הוא דכתיב דרכי ציון אבלות מבלי באי מועד ... כי בשלמא דבר שיש בו רוח חיים יתכן יבקש תפקידו, אך הדרכים דוממים המה ואיך ירגישו ויתנכלו? על כן אמרו מבלי וכו'. והוא מאמרם ז"ל בספר הזוהר, **כי בהיות שכל מצוה שאדם עושה נעשה מלאך, גם הפסיעות לשלש רגלים בשירות ותשבחות ובכוונת הלב היו נבראים מלאכים בדרכים ההם**, והן הם המתאבלים על בלי באי מועד המקנים בם קדושה יתירה בכל פעם שיעלו לרגל על קדושתם הקודמת.

**כ.** עיין אוסף אמרים (אמונה ותפלה מאמר ו') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: פסוק נוסף יש בשיר השירים המדבר בשבחן של ישראל: **"מה-יפו פעמיך בנעלים בת-נדיב"** (שה"ש ז, ב). שלמה המלך מדבר ממעלת עולי הרגלים, והקב"ה משבח את עמל וכיתות הרגליים שעם ישראל הלך לקבל פני ה', והלכו מרחקים גדולים וכתתו רגליהם. והכתוב משבח דוקא את טלטול

## ארומגעדרייט מיט עשיו'ן

דער רבי ברענגט אראפ אין **ליקוטי מוהר"ן** אין דער ערשטער תורה[כא], וועגן 'יעקב און עשיו' - **"וַיַּעְקְבֵנִי"**[כב].

ווייל למעשה, די 'רע' האט זיך מתגבר געווען - אז ער איז געווארן דער 'ראשית'. אז א מענטש ווערט געבוירן, די ערשטע זאך איז, עסן, טרינקען, שלאפן, גשמיות גשמיות.

אינ'אמת'ן, די גאנצע גשמיות איז דאך באשאפן געווארן 'להמליכו וליחדו'; מען זאל זיין געזונט, זיין פרייליך, צו קענען ממליך זיין דעם 'בורא עולם' און ווערן א 'מרכבה לשכינה'. אזוי ווי עס שטייט[כג] אז 'אדם' איז, אדער 'אדָמָה', אדער "אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן"[כד]. אז אַן 'אדם' ווערט א 'מרכבה לשכינה', איז דאס הפלא ופלא, דאס איז די גרעסטע שיינקייט אין דער וועלט - א גשמיות'דיגע זאך איז א 'מרכבה לשכינה', דאס איז די גאנצע זאך, דער גאנצער תכלית[כה].

---

הדרך ועייפות הרגליים, כי זה שאחר כך זכו לזיו השכינה להיראות פנים בפנים כביכול, זה כבר היה השכר שלהם, הגן-עדן שלהם, ואילו השי"ת משבח דוקא את 'מה יפו פעמייך' – את ההליכה הקשה, את פעמי הרגליים שטרחו ועלו לעלות ולהיראות פני ה', כי יותר מכל דבר משבח השי"ת את האתערותא דלתתא שלנו במצוה זו של לעלות ולהיראות את פני ה', את זה משבח שלמה המלך ברוח קדשו באמרו "מה יפו פעמייך בנעלים".

**כא.** סי' א', וזל"ש: יעקב זכה לבכורה שהוא ראשית, שהוא בחינת חכמה. (תיקונים תיקון י"ד, זוהר משפטים קכ"א:), כמו שכתוב (תהלים קי"א): "ראשית חכמה". וזה בחינת (בראשית כ"ז): "ויעקבני זה פעמים". ותרגום אונקלוס: 'וחכמני'.

**כב.** בראשית כז, לב.

**כג.** עיין 'של"ה הקדוש' בהקדמה לתולדות אדם אות כ"ג: 'ויקרא את שמם אדם', זהו פירוש על 'תולדת אדם' וסופו. אם דבוק הוא למעלה ומתדמה לו יתברך לילך בדרכיו, נקרא שמו בעצם 'אדם', מלשון 'אדמה לעליון' (ישעיה יד, יד), 'ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם' (יחזקאל א, כו), ואם הוא מפריד את עצמו מהדביקות, אז נקרא 'אדם' על שם האדמה אשר לקח ממנה, ועפר הוא ולעפר ישוב (עפ"י בראשית ג, יט). אמנם שם 'אדם' המורה על 'אדמה לעליון' זהו עיקר התכלית.

**כד.** ישעיה יד, יד.

**כה.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פסח ה"ט אות י"א: **הצדיקים הגדולים יכולים להפוך גם החמור שהוא בחינת זוהמת החומר, להכניע הכל אל הקדושה שיהיה מרכבה להקדושה**, בחינת מה

איז עשיו האט צוגענומען דעם 'ראשית'. און דאס איז געווען די חכמה פון יעקב'ן; "ויעקבני" - 'וְחַכְּמַנִי'[כו]; ער האט אזוי געדרייט מיט אים; ווייל פון א מוחזק איז זייער שווער זיך ארויסצודרייען, פון א מוחזק איז זייער שווער ארויסצונעמען, מיט א מוחזק איז זייער שווער, א מוחזק איז א מוחזק; 'וחכמני' איז דער פשט, ער האט מיט אים אזוי געדרייט, ביז ער איז צוריק געווארן דער 'מוחזק'; אט דאס איז געווען די חכמה פון יעקב'ן.

ממילא דארף מען אכטונג געבן, חלילה ער זאל נישט אפנארן אויף צוריק, ער קען אפנארן אויף צוריק, ער קען נעמען דעם 'ראשית' צוריק, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

## יום המלְכָה

דער **רבי** זאגט[כז]: ראש־השנה קומען זיך צונויף דריי ראשים: דער 'ראש' פון דעם מענטשן, און 'ראש־השנה' - די התחלה פון דער בריאה, (און דער צדיק וואס ער איז דער 'ראש בני ישראל').

ראש־השנה איז א 'יום' וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן - "ה' מֶלֶךְ ה' מָלָךְ ה' יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד", דו האסט באשאפן דער וועלט, עס איז דיין וועלט, דו פירסט דער וועלט, איך בין א 'נברא' - אט דאס איז ראש־השנה.

---

שאמרו רז"ל 'לעולם ישים אדם את עצמו כשור לעול וכחמור למשאוי'. **כי זה עיקר המעלה של האדם הבעל בחירה שהוא גבוה ממלאכים.**

**כו.** בתרגום שם.

**כז.** 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' צ"ד: שמעתי מפיו הקדוש, שהיה כתוב אצלו תורה על ענין ראש־השנה, שצריכין לנסוע לצדיקים על ראש־השנה. והיה מבואר שם מענין שלשה ראשים שמתקבצין בראש־השנה כשזוכין אז להיות אצל הצדיק. כי הצדיק הוא בחינת ראש, כי הוא ראש בני ישראל, וראש־השנה הוא גם כן בחינת ראש, כי הוא ראש־השנה, וכל אחד בא עם מחו ודעתו להצדיק ומקשר דעתו ומחו שבראשו, שזהו גם כן בחינת ראש, להצדיק שהוא ראש בני ישראל, בראש־השנה, נמצא שנתקבצו שלשה ראשים יחד. והיה לו בזה תורה שלימה, ולא זכיתי לקבלה.

איך האב שוין כמה מאל געזאגט, און איינער האט מיר עס געוויזן אז דער **חתם סופר** זאגט דאס, אז ראש־השנה איז צוויי זאכן[כח]: ראש־השנה איז א 'יום המלָכה', א טאג וואס מען איז ממליך דעם בורא עולם, דאס איז דער טאג; דעם ערשטן טאג אין יאר - ממליך זיין! זיי ממליך אז עס איז דא א בורא עולם וואס האט באשאפן דער וועלט און ער פירט דער וועלט, מיר זענען זיינע, און מיר דארפן אים פאלגן און מיר דארפן אים דינען, און מיר דארפן אים בעטן אז מיר זאלן אים פאלגן און אים דינען.

דער אויבערשטער האט באשאפן דער בריאה - האבן די הכרה!

דער **קאצקער** פלעגט זיין פארמאכט אסאך, אפילו נאך יום טוב האט ער געקענט זיין פארמאכט, ער איז געווען א פארמאכטער, דאס איז געווען זיין דרך. אמאל פלעגט ער קענען געבן אַן עפן דעם טיר און אריינגיין אין בית המדרש, עס פלעגט פאלן א פחד - א פחד איז געפאלן, ער פלעגט דערלאנגען - - אנדערע פלעגן אנטלויפן...

איינמאל אינמיטן יאר גיט ער אַן עפן אויף דער טיר פון בית־מדרש, האט ער געטראפן דארטן דריי גדולים, בעלי מוחות. [דער **רבי** זאגט דאך[כט], עס איז דא חסידים וואס זיי ווייסן נישט

---

**כח.** עיין 'דרשות חת"ס' דף שס"ז: **חדות ה' היא מעוזכם** (נחמי' ח'). ואחז"ל אמר הקב"ה המליכוני עליכם כדי שיעלה זכרוניכם לפני לטובה (ר"ה ט"ז.). כי הנה יום ר"ה אפילו ט"ו בשבט שהוא ר"ה לחניטת אילנות **מ"מ הוא יום שמחה ויו"ט**, כ"כ הגהמ"י ריש הלכ' ר"ה ע"ש, והסברא נותן שהוא כעין יום כתר מלוכה, שבו חוזר תחלת הבריאה שחנטו האילנות בפעם הראשון בבריאת עולם, והוא כיום גנוסי' של מלכים, ומכ"ש א' בתשרי שהוא יום גנוסי' לכל עולם כולו, **אך לעומת זה הוא יום חרדת הדין** ותחילה לימי התשובה, ואם לא עכשיו אימתי, וראוי לבכות ולהתפלל ולבקש רחמים ותחנונים. **אך אמור אומרי' עם ה' אלו, אנחנו נשליך נפשינו מנגד שלא להתעצב ביום חדות ה' אלקי ישראל ויום גנוסי' שלו, ונשמח עמו ויעבור עלינו מה. ואמנם זה הוא גופי' גורם רחמים יותר מכמה תעניות, בראות הקב"ה שהם אינם חסים על בקשת חייהם מפני כבודו ית"ש.** והיינו המליכוני עליכם ביום תחילת מלכות כדי שיעלה זכרוניכם עי"ז לפני לטובה. והיינו **אל תעצבו כי חדות ה' היא** גורם **מעוזכם**.

**כט.** עיין 'חיי מוהר"ן' אות של"ה.

וועגן וואס מען פארט צום רבי'ן און פארוואס מען קומט צוריק...]. זיי זענען אבער געווען 'בעלי־דעת', זיי האבן געוואוסט צו וואס זיי זענען געקומען... גדולי הדור - בעלי מח.

זאגט ער זיי: "יעדער איינער זאל זאגן א גוטווארט" - אזוי האט ער זיי געזאגט.

האט זיך איינער אנגערופן: עס שטייט[ל]: "**וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת - אֵין עוֹד**". דער פסוק הויבט זיך אָן "וידעת היום"; זאגט ער, "אין עוד" - עס איז נישטא קיין אנדערע ידיעה![לא].

אז דו האסט די ידיעה, האסטו אלעס אלעס אלעס! די גאנצע תורה איז פול מיט דער ידיעה! לעבסטו מיט דער ידיעה, לעבט דער תורה, אלעס לעבט[לב].

אט דאס איז ראש־השנה, ראש־השנה איז ממליך זיין.

איז דער חתם סופר זאגט, ראש־השנה איז צוויי זאכן, (מצד אחד הוא 'יום הדין', ומצד שני הוא 'יום המלָכה').

---

**ל.** דברים ד, לט.

**לא.** עיין ספר 'מגדולי התורה וחחסידות' (עמוד ל"א) וז"ל: ומספר רבי העניך (- ה"ה הרה"ק רבי חנוך העניך הכהן לוין מאלכסנדר ז"ל): פעם היותי בקאצק ועמדתי בבית המדרש הגדול בחבורה עם החידושי הרי"ם עם הרשלי דישקס ועם ר' הירש בר גרבוביצר, ודיברנו דברי תורה וחסידות, פתאום שמענו קולו של הרבי שואל את משמשו; פייבל, מי נמצא כאן? ופייבל משיב ומונה לפניו את שמות ארבעתנו. נכנס הרבי, ניגש אלינו, ואמר שרוצה שכָּל אחד מאתנו יאמר דבר תורה. פתח החידושי הרי"ם ואמר וכו', אחריו פתח ואמר **ר' הרשלי דישקס:** כתוב "**וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים וגו' אין עוד**" (דברים ט, לט), כפשוטו הוא שאין עוד אל אחר. ואני אומר כי "אין עוד" נאמר גם על "וידעת היום והשבות אל לבבך", כי אין עוד שום ידיעה אחרת חוץ מידיעה זו, ע"כ.

**לב.** עיין 'אמת ואמונה' (קאצק) עמוד ע"ה: "**וידעת היום וגו' אין עוד**". הפי' שאין בכל מציאות העולם שום מציאות בלתי מציאותו יתברך לבד, **וכל מה שאדם רואה בעיניו הגשמיות אינה מציאות כלל**, כי רק מה שרואה בעיניו השכליות זוהי מציאות; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' מתנה ה"ב אות ב' מה שמביא מהשל"ה הקדוש ב'תולדות אדם', בית הבחירה, אות רצ"ו, עיי"ש.

דער עיקר 'וידוי' 'חרטה' מיט 'תשובה' איז ערב ראש־השנה. ראש־השנה זאגט מען נישט קיין תחנון, אפילו 'אבינו מלכינו חטאנו לפניך' זאגט מען נישט[לג]. עס איז א טאג פון המְלָכה, עס איז א טאג פון המְלָכה.

דערפאר זעט מען אין די פיוטים שנאמרו ברוח הקודש, זאגט מען אלץ "ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד", ווייטער 'מֶלך', ווייטער 'מָלך', ווייטער 'ימלוך', 'המלָכה' 'המלָכה', א טאג פון 'המלָכה'.

## 'אכלו משמנים ושתו ממתקים'

דערפאר טאקע, דער פסוק[לד]: "**אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וכו' כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם:**" גייט אויף ראש־השנה, מען פריידט זיך, מען פריידט זיך אז דער אויבערשטער האט זיך אראפגעלאזט מיט אזא עניוות אז איר זאלט אים ממליך זיין.

איר ווייסט וואס דאס איז?

איר ווייסט וואס דאס איז - 'דעם אויבערשטנ'ס עניוות' - איר זאלט אים ממליך זיין, ער דארף אייער המלָכה, דאס איז מורא'דיג אין דער וועלט - אזא עניוות!

'במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו'[לה].

דער אויבערשטער וואס איז העכער פון אלעס, ער דארף צו קיינעם נישט אנקומען; עם־כל־זה מחמת אהבת ישראל, (בעט ער פון אונז) 'זייט מיר ממליך', 'איך וויל זיין אייער מלך'! עס איז דאך א זכות עולם ממש פאר זיך און פאר דער גאנצער בריאה לעולמי עד!

א נברא אָן א בורא איז דאך גארנישט ווערד, הלואי וואלט ער נישט באשאפן געווארן, 'טב ליה דלא אתברי' (- טוב לו שלא נברא);

**לג.** עיין 'מטה אפרים' סי' תקפ"ד, סעי' י"א.

**לד.** נחמיה ח, י.

**לה.** מגילה דף לא ע"א.

וועגן וואס ביסטו באשאפן געווארן? צו אפטון כל דבר און אריינגיין אין שאול תחתיות?!

אז א נברא איז דבוק צום בורא, דאס איז דער גרעסטער 'נועם'! ווען נישט דער 'חושך' וואלט מען געזען וואספארא 'נועם' עס איז אז א נברא ווייסט פון בורא.

דאס איז טאקע ראש־השנה, המלָכה, המלָכה, המלָכה; ממילא איז עס א טאג פון שמחה - ברוך ה'!

אפילו **רבי סעדיה גאון** זאגט[לו], אז די תקיעות איז - מען איז ממליך דעם מלך. אז מען איז ממליך א מלך, שאַלט מען פאר אים, טרומייטערט מען פאר אים; דאס איז איינע פון די סודות פון די תקיעות.

## התחדשות בכל רגע ורגע

על־כל־פנים, מען זעט טאקע, דער הייליגער **רבי** איז געווען א מציאות פון הוילע 'ראשית', הוילע 'התחלה'. 'כבן שלש שנים הכיר את בוראו', עם־כל־זה האט ער זיך מחדש געווען 'כמה פעמים ביום', 'כמה פעמים ביום'[לז]. ווייל עס גייט דאך כסדר העלמה, העלמה; ממילא אז ער האט געשפירט אז עס איז נישט גוט דער 'ראשית', איז געווארן אַן 'התחדשות'[לח]; מיט דעם דרך איז דער רבי געגאנגען.

---

**לו.** וז"ל: הענין הראשון, מפני שהיום תחילת הבריאה שבו ברא הקב"ה העולם ומלך עליו, וכן עושים המלכים שתוקעין לפניהם בחצוצרות ובקרנות להודיע ולהשמיע בכל מקום תחילת מלכותו וכן אנו ממליכין עלינו את הבורא יתברך ביום זה, וכן אמר דוד בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה'.

**לז.** עיין 'שיחות הר"ן' אות מ"ח; 'שבחי הר"ן' אות ו'.

**לח.** עיין 'חיי מוהר"ן' אות תל"ז: ממה נפשך יעשה בכל פעם התחלה ויאמר כנ"ל. כי ממה נפשך אם היה מקודם טוב, עכשיו יהיה טוב יותר, ואם ח"ו מקודם לא היה טוב, בודאי צריך ומוכרח לעשות התחלה חדשה; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' תפילין ה"ה אות כ"ב: עיקר הנפילה הוא דייקא מחמת זה כדי שיתחילו לחיות מחדש.

אינטערעסאנט, דער רבי האט אנגעהויבן מיט 'אמונה' בתכלית התמימות, און מיט 'התבודדות' - רעדן צום אויבערשטן בתכלית התמימות; מיט דעם האט ער אנגעהויבן און מיט דעם האט ער געענדיגט; און אלע טאג האט ער זיך באנייט 'כמה פעמים ביום', 'כמה פעמים ביום' האט ער זיך באנייט.

דער רבי האט געזאגט[לט], ער איז אזוי איינגעוואוינט מיט 'התחלה', אז ער גיבט נישט ארויס קיין אָטעם אָן א 'התחדשות'; יעדעס אטעם איז אַן התחדשות.

דער **ראשית חכמה** זאגט[מ], עס איז דא תתר"פ חלקים אין א שעה. מען זאגט דארטן ביים 'מולד' - א מינוט מיט אזויפיל חלקים. וואס איז 'חלקים'? ביי אונז צעטיילט זיך א שעה אויף זעכציג מינוט. אבער על־פי די תוכנים, און מסתמא איז עס 'מסיני' שוין, [עס איז זיכער 'מסיני' ווייל אז עס איז דא אין דעם די צירופי הוי"ה איז עס אוודאי 'מסיני'], צעטיילט זיך א שעה אין 'תתר"פ חלקים' - אין 1,080 חלקים. איז דער 'ראשית חכמה' זאגט, א מענטש אטעמט אין א שעה תתר"פ נשימות.

און דער הייליגער רבי האט געזאגט, עס איז נישטא ביי אים קיין נשימה אָן א התחלה.

אין **פרדס** (רמונים) פונעם רמ"ק ברענגט ער אראפ[מא] אז עס איז דא 'תתר"פ צירופי הוי"ה' אין יעדער שעה, און ביי יעדעס אטעם שיינט אַן אנדער גוָון אין התגלות אלקות.

---

**לט.** 'חיי מוהר"ן' אות שפ"ד.

**מ.** עיין 'שער היראה' פרק עשירי: ועוד פירשו כי יש תתר"ף חלקים בשעה וכנגדם שם בן ד' המתגלגל בצירוף נקודו באלפא ביתא תתר"ף צירופין, ואמר שתתר"ף חלקים אלו שבשעה הם תתר"ף נשימות שאדם מנשים, ועל כל נשימה ונשימה יש אות משם בן ד' הנותן בו חיות הנשימה ההיא, וזהו (דברים ח, ג), כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם, וכיון שהשי"ת הוא הנותן הנשימה והחיים, ראוי שיהיו כל נשימותיו לעבודת הבורא.

**מא.** עיין 'פרדס רמונים' שער כא, פ"ב.

איך האב געזען אין **זוהר הקדוש**, זאגט ער: 'זכאה' איז דער וואס ווייסט דעם סוד פון די 'הבלים' - פון די אטעמס[מב].

ביים הייליגן רבי'ן איז געווען א 'התחדשות' בכל עת ורגע, דער רבי איז געווען א מציאות פון 'התחדשות'[מג], הוילע 'ראש־השנה'.

דערפאר טאקע האט דער הייליגער **רבי** געזאגט[מד]: "מיין זאך איז ראש־השנה!" ווייל דער רבי איז געווען הוילע ראש־השנה, הוילע ראש־השנה, הוילע התחדשות, יעדעס אטעם איז געווען מיט אַן התחדשות[מה].

## שוין געשטאנען העכער זיי

**רבי משה קרעמער** האט גערעדט דעם פארגאנגענעם שבת דעם ענין פון 'פסיעותיו של אברהם אבינו'. עס איז דא א מאמר פון אר"י הקדוש - "פסיעותיו של אברהם אבינו" - א גרויסער מאמר אויף

---

**מב.** עיין תיקוני זוהר - תיקון י"ח - דף לה ע"ב.

**מג.** עיין עוד סוף ספר 'שבחי הר"ן'.

**מד.** עיין 'חיי מוהר"ן' אותיות ר"כ, ת"ג.

**מה.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל תפילין ה"ה אות כ"ג, ושם בהל' ספר תורה ה"ד אות כ"א, שעיקר ענין ראש השנה הוא התחדשות.
עיין אוסף מכתבים (חלק א' סימן ס"ה) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: והעיקר שנזכה להתחדש. אמרתי פעם מליצה על מה שרבינו אמר שאצלו העיקר הוא ראש השנה, כי רבינו הק' הי' תמיד בבחי' חדש, והי' תמיד מתחדש כמובא שבסוף ימיו אמר שכל כך התרגל בהתחדשות עד שכל הבל היוצא מפיו, יוצא בהתחדשות, וזה רמז למה שאמר שאצלו העיקר ר"ה, מפני שמדתו היתה התחדשות. וזה בחינת ראש השנה, בחי' התחלה וראש מחדש.
כל זה אמרתי בדרך מליצה, כי השגת רבינו בראש השנה הוא נעלם מאד, כמובא סיפור שרבינו ראה בחלום כסא של אש שעשו עבורו (זה סיפור ארוך), ובקיצור שאמר שיש פסוק (דניאל ז ט) "כ'וּרְסְיֵהּ שְׁ'בִיבִין דִּ'י נ'וּר" (הכסא ניצוצות של אש) וזה ר"ת 'שדכן'. ואמר רבינו, שראה שם ר"ה, ר"ה ממש. יה"כ, יה"כ ממש. סוכות, סוכות ממש. ואח"כ אמר שר"ה יה"כ סוכות ר"ת "כורסיה". מכאן אנו רואים מעט איך שהשיג את האורות של הימים טובים בהשגות כאלו שנעלם משכל אנושי.
ואנו אין לנו אלא תמימות ופשיטות, עשיית המצות, התחדשות ושמחה ולימוד תורה, והם חיינו ואורך ימינו לנצח.

דעם מאמר חז"ל[מו] 'פסיעותיו של אברהם אבינו (היו ג' מילין' - בעת הלחמו עם הד' מלכים).

דער **ווילנער גאון** האט אמאל געזען דעם מאמר, האט ער געזאגט, 'ערשט האט ער זיך דערוואוסט דער גרויסקייט פון רבי חיים וויטאל!'[מז].

רבי משה האט אנגערירט א שיינע נקודה. וואס איז 'פסיעותיו'? פשוט איז דער פשט, די ד' מלכים זענען געווען ווייט, איז ער געגאנגען לוחם זיין מיט זיי, דאס איז דער ענין פון 'פסיעותיו של אברהם אבינו'. חז"ל מאכן א פאראד פון דעם, וויסן וואס איז געווען.

דער **רבי** ברענגט אבער אראפ אין תורה ס'[מח], וועגן 'זקנה דקדושה', **"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים"**. 'זקנה' איז דער פשט, מען ווערט העכער און העכער און העכער, דאס איז 'זקנה'[מט]. דאס עצם לעבן לאנג - אוודאי, דער אויבערשטער זאל געבן 'חיים טובים ארוכים', אבער דער עיקר לעבן איז, עס איז דא א סוד פון 'זקנה דקדושה', מען זאל ווערן העכער און העכער[נ].

---

**מו.** בראשית רבה מג, ג.

**מז.** מובא באיגרת שכתב הגרא"ש מאמציסלאוו ז"ל מה ששמע מדודו הגר"ח מוואלאזשין ז"ל הנדפס בסוף ספר דעת תבונות - ירושלים שנת תר"מ.

**מח.** אות ב'.

**מט.** עיין 'זוהר הקדוש' פר' חיי שרה דף קכ"ט ע"א; גם עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' נ"ט, וז"ל: מי שהוא צדיק מנעוריו והולך בדרך הישר מימיו, מדרגא לדרגא, כמו שכתוב באברהם (בראשית כ"ד): **"ואברהם זקן בא בימים"** שאברהם בא לדרגא שלו על ידי הימים, כמובא בזהר (חיי שרה דף קכט.), כי 'בן שלש שנים הכיר את בוראו' (נדרים לב), **והיה הולך תמיד מדרגא לדרגא.**

**נ.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ד', וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): צריך האדם כל מה שנתוסף ובא לו יום מימי חייו, להוסיף בכל יום קדושה ודעת. כי כל יום ויום שבא אחר כך, צריך שיאיר ביותר בעבודת ה', **ורק זה נקרא זקן דקדושה באמת.** אבל כשפוגם את ימיו, חס ושלום, ואינו מוסיף קדושה בכל יום **אף על פי שמזקין אינו נקרא זקן כלל**, רק אדרבא, הוא נקרא 'קצר ימים'; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' תפילין ה"ה אות כ': עיקר החיות הוא עבודת הבורא יתברך, כי הוא חייך. וכשאינו מוסיף קדושה ודעת בכל יום הוא

אט דאס איז 'פסיעותיו' - זעה ווי ער שפאנט, זעה וואו ער איז, ער לויפט אלץ העכער און העכער. דאס איז א זאך וואס מיר קענען נאר גלויבן אין די צדיקים, זיין מקושר צו די צדיקים, דאס איז למעלה מהשגתינו.

דער **פשיסחא'ער** זאגט אווארט - א טייטש וואס א צדיק איז. א 'מלאך' איז דאך אַן 'עומד', און א 'צדיק' איז דאך א 'הולך'[נא]. איז ביי אברהם אבינו שטייט, גלייך ווען ער האט געזען די מלאכים[נב]: "וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים **עָלָיו**" - אז זיי זענען געווען העכער פון אים, זיי זענען געווען מלאכים, און ער איז געווען א מענטש. נאכדעם שטייט: "וַיָּרָץ **לִקְרָאתָם**", ער איז שוין גלייך ווי זיי. נאכדעם שטייט[נג]: "**וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם**", ער איז שוין העכער פון זיי[נד].

---

קצר ימים. **ומי יודע אם יעלו כל שבעים שנותיו ליום אחד?!** ועל כן הרשעים גמורים שאינם מקיימין את התורה לגמרי נקראים בחייהם מתים, כי בודאי הם מתים ממש, מאחר שאינם מקיימין את התורה שהיא עיקר החיים באמת, כמו שכתוב, "כי הוא חייך". ואפילו מי שעובד את ה' קצת **אינו נמנה בימי חייו כי אם כפי מעט העבודה ומעשים טובים שזכה לעשות בחייו.** ועל כן יכול להיות שכל חיותו לא יעלה כי אם יום אחד.

**נא.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות ע"ח: המלאך נקרא עומד שאינו יכול לעלות מדרגא לדרגא כמובא. אבל האדם הבעל בחירה כשזוכה לעמוד בנסיון בזה העולם שנעשה צדיק יכול לעלות מדרגא לדרגא עד שיכול לבוא להשגות גדולות ועצומו ... כשארז"ל עתידין צדיקים שיהיה מחיצתן לפנים ממלאכי השרת. והמלאכים ישאלו אותם מה פעל אל, כמובא מאמר זה שם, היינו שהמלאכים ידעו אז שאינם יודעים מה שהצדיקים יודעים.

**נב.** בראשית יח, ב.

**נג.** שם פסוק ח.

**נד.** עיין 'בית יעקב' (אלכסנדר) פר' וירא: **ושמעתי ממורי מפרשיסחא** שאמר בזה, שכיון שהכניס אברהם האורחים המלאכים, השיג מדריגתם בחינת עומד, שלא יפול ממדריגתו. וזהו פירוש "והוא עומד עליהם", שנעשה בחינת עומד. ופן תאמר שלא היה לו בחינת הליכה, לזה אמר הכתוב עליהם, שהמדריגה הטובה בחינת הליכה, אשר היה לו מקודם עליהם, נשאר לו; גם עיין ספר 'יחי ראובן' על מס' חגיגה, וזל"ש: **שמעתי בשם הה"ק שר שלום מבעלזא זצ"ל** עה"פ 'והנה שלשה אנשים נצבים עליו וירא וירץ לקראתם ואח"כ והוא עומד עליהם. כי קודם עשיית המצוה המלאך גבוה מעל ישראל, ובשעת הכנה למצוה הוא

איר זעט וואס א צדיק איז? דאס איז נישט פאר אונזערע השגות, אבער אז דער אויבערשטער גיבט אַן הארה דעם צדיק, איז ער אין־סוף, ער גייט אין־סוף, מיר קענען דאס נישט משער זיין.

**'התָּם ומתַּמם עם תְּמימים'**

על־כל־פנים, דאס איז דער ענין פון ראש־השנה, אז דער 'ראש' פון דעם מענטשן זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן, אין דער 'ראש' פונעם יאר. מען דארף גלויבן אין ראש־השנה, גלויבן אין ראש־השנה, אז דאס איז דער 'ראש'.

עס ווערט געבראכט[נה], א יאר איז קעגן די רמ"ח איברים ושס"ה גידים, און די פנימיות האיברים דאס איז די ימים טובים. עס איז דא די פנימיות - די כליות, די ריאה, דער כָּבֵד, די הארץ. עם־כל־זה, מען זעט טאקע אז דער מוח האט א שטארקן מִכְסֶה - א גולגולת, ווייל דער מוח (שהוא הראש, כנגד ראש השנה) דארף האבן א שטארקע שמירה.

דער **רבי** האט דאך געזאגט[נו]: "דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה אז איך ווייס וואס איז דאס ראש־השנה!" - א מתנה! עס איז דאך א מורא'דיגע זאך.

---

במדריגת המלאך. ואחר עשיית המצוה הוא במעלה יותר מן המלאך ... ולזה באברהם תחילה היה נצבים עליו. וירא וירץ שעשה הכנה להכנסת אורחים, לקראתם, היה דומה למלאכי השרת. אחר זה כתוב והוא עומד עליהם.

**נה.** עיין 'יושר דברי אמת' אות נ"ג: ראש השנה, ר"ל שהוא הראש של השנה, כי יש בזמן כל האיברים שבגוף, כידוע מה שכתוב בספר יצירה עולם שנה נפש כולם בסגנון אחד, והוא ראש ; גם עיין 'סידורו של שבת' חלק שני דרוש התשיעי: הנה ידוע אשר עולם שנה נפש כולם המה בענין א' להיות נמצא גם בעול' ושנה התחלקות והתפרדות אברי' כאשר בנפש וכדומה בשנה יום א' בתשרי נקרא ר"ה שהוא בחי' הראש שבשנה. ויוה"כ נקרא בחי' הלב בשנה. וכן שאר כל האברים.

**נו.** 'חיי מוהר"ן' אות ת"ה.

פארקערט, דערפאר טאקע, ווייל עס איז אזא גרויסע השגה, דווקא מחמת גובה הענין, איז די עצה, 'תמימות'. די העכסטע זאך איז 'תמימות'[נז]. תמימות איז 'סוף מעשה במחשבה תחילה'[נח].

די סגולה פון תמימות מיט אמונה איז, אז מיט דער פשוט'ער 'תמימות' ביסטו מקושר צו דער 'מחשבה תחילה'. אז דו האסט תמימות, ערלעדיגט.

דער ענין פון ראש־השנה איז, 'זאגן', 'גלויבן', 'תמימות' 'תמימות', דאווענען מיט תמימות[נט], צו עס שיינט - צו עס שיינט נישט, מען זאגט די הייליגע דיבורים; אז איך בין נישט מכוון, איז א צווייטער מכוון; די דיבורים גייען ארויף למעלה; מען זאגט דיבורים פון 'המלָכה'.

עס שטייט אין **מדרש**[ס]: אלע נביאים האבן געזאגט מען זאל תשובה טון, אבער זיי האבן נישט געזאגט ווי מען זאל תשובה טון;

---

**נז.** עיין 'שיחות הר"ן' אות ק"א: ואמר, שפשיטות הוא גבוה מן הכל. כי השם יתברך ברוך הוא הוא בודאי גבוה מן הכל. והוא יתברך הוא פשוט בתכלית הפשיטות.

**נח.** עיין 'שיחות הר"ן' אות ל"ב: **באמת חכמה דקדושה הוא למעלה מאמונה, אבל אף על פי כן אנו צריכים לבלי לילך בחכמות וחקירות רק באמונה לבד, כי אמונה הוא דבר חזק מאד, ואזי כשהולך באמונה לבד בלי חקירות וחכמות אזי זוכה לבוא לבחינת רצון שהוא למעלה אפילו מחכמה**; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נטילת ידים שחרית ה"ג אות ה': בראש השנה בתחילתו, צריכין לבטל ולסלק המח לגמרי כדי שלא יתאחז בו בחינת שלא כסדר, בחינת דינים וכו' כנ"ל ועל כן מבטלין עצמן לגמרי. ובשעת הביטול, שהוא בחינת שינה, דהיינו שאין אנו משתמשין בשום חכמה, אזי אנו נכללין למעלה מחכמת אדם, **כי על ידי תמימות ופשיטות ואמונה עולין למעלה מהמח והחכמה, כמבואר במקום אחר בדברינו. ואז אנו ממליכין אותו יתברך בתמימות בלי שום חכמות.**

**נט.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' בית הכנסת ה"ה אות י"ז: עיקר העבודה של כל ישראל בראש השנה ויום הכפורים וכל עשרת ימי תשובה הוא בפשיטות ובתמימות גמור בלי שום חכמות כלל, כי אז הכל שבין אל האמת ומתפללין וצועקין להשי"ת מעומק הלב בפשיטות ובתמימות בלי חכמות כלל; הל' יום הכיפורים ה"ב אות ג'; הל' רבית ה"ה אות ט'.

**ס.** פסיקתא רבתי פר' מד.

ביז עס איז געקומען הושע און געזאגט[סא]: **"קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'"**.

אט דאס איז 'תשובה', אז איך זאג "ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך", דאס איז דאס, מיט'ן מויל, מיט'ן דיבור[סב], תמימות, פשיטות, תמימות, תמימות, נישט אראפגיין פון די תמימות. אט דאס איז א גוטע כלי פאר'ן מוח.

דער מח איז דא, אין יעדן אידן איז דא א מוח. דער הייליגער **רבי** זאגט[סג], די עניוות פון משה'ן ליגט אין יעדן אידן, אין יעדעס איבר פון יעדן אידן. כל־שכן אין אונז וואס מיר ווייסן פון צדיק, און מיר פארן צום צדיק. דאס איז א מורא'דיגע זאך, די אמונה 'על דעת' דעם הייליגן רבי'ן און 'על דעת' די צדיקים אמיתים וואס זיי ווייסן וואס ראש־השנה איז. תמימות תמימות.

## 'יום הזכרון'

דער **תולדות** זאגט מפורש[סד]: שבת זאל מען נישט מסיח דעת זיין, נאר געדענקען אז עס איז שבת - 'שבת קודש' 'שבת קודש'. אזוי ווי "חייב אדם למשמש בתפילין בכל שעה"[סה], ברענגט ער אפ, אז שבת איז עס נאך א 'קל וחומר'.

---

**סא.** הושע יד, ג.

**סב.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' קריאת שמע ה"ה אות י"ד: עיקר התשובה על ידי הדיבור, כמו שכתוב (הושע יד), "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'", כמו שארז"ל (יומא פרק ו), איני מבקש מכם אלא דברים.

**סג.** 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ע"ב.

**סד.** עיין 'תולדות יעקב יוסף' פר' נח אות א': שמעתי כי היסח הדעת אסור בשבת מקל וחומר מתפילין וכו' ודפח"ח; גם עיין שם פר' בשלח אות ז': זכרתי במקום אחר ענין שבת הוא קדושת המחשבה, שאסור להסיח דעתו כל היום מקדושת שבת קל וחומר מתפילין שאסור בהיסח הדעת (מנחות לו ע"ב) שהוא חותמא, ושבת דפטור מתפילין משום דקדושתו הוא יותר מתפילין, כל שכן שצריך שלא להסיח כל היום מקדושת שבת.

**סה.** גמ' מנחות דף ל"ו ע"ב.

דאס עצם געדענקען אז היינט איז ראש־השנה - "הייליגע ראש־השנה" "הייליגע ראש־השנה", און מען פירט זיך בתמימות ובפשיטות, דאס איז די בעסטע התחלה. אדרבה, עס נאך העכער, וויבאלד מען האט אמונה איז מען מקושר צו דער גאנצער פנימיות.

א זילבערנע פושקע, אז דו לייגסט אריין אין דעם דיאמאנטן וואס קאסטן מיליאנען, די פושקע פונדרויסן איז א זילבערנע פושקע, עס קאסט נישט קיין סאך, אבער אז דו האלטסט דער פושקע, האלטסטו וואס עס איז אין איר.

אט דאס איז דער ענין פון ראש־השנה, ראש־השנה איז 'בַּכֶּסֶה', דווקא 'בכסה', אלע ימים טובים זענען 'במילוי הלבנה', ראש־השנה איז אבער 'בכסה'. ווייל דער עיקר איז תמימות, תמימות, ממליך זיין מתוך אתכַּסיא[סו], מתוך העלמה, אט דאס איז דער ריכטיגער 'המלָכה', דער ריכטיגער אתערותא דלתתא[סז].

פון דעם ווערט 'מוחין', בשעת מען איז ממליך בתכלית התמימות, בתכלית התמימות. און בענקען און וועלן אז עס זאל זיין א גוטע התחלה, אז עס זאל שיינען א התחלה אמיתית, די בכורה אמיתית, דער תכלית אמיתי זאל שיינען בכל עת ורגע.

---

**סו.** עיין 'דגל מחנה אפרים' הפטרת כי תבא, וז"ל: ראש השנה הוא בחינת 'בכסה ליום חגנו', והוא לשון הסתרה, כמו במכוסה ממך. והצדיקים ההסתרה היא להם כדי להתוסף להם אור גדול אור פני המלך חיים אחר אשר הם באים לפני המלך בלבבות נשברים וצועקים על הסתרת פני המלך כי חפצם ורצונם וחשקם לראות את פני המלך עליון להיות דבקים בו ובתורתו וביראתו הטהורה לכן מגלה להם המלך אור פניו אשר באורו נראה אור החיים, וזהו נכתבים ונחתמים לאלתר מספר לאלתר הוא מספר אסתר. וזהו, לאלתר לחיים, והבן.

**סז.** עיין 'סוד ישרים' על ר"ה אות מ"א: ע"י זה שישראל ממליכים עליהם את השי"ת אף מתוך גודל ההסתרה יצא מפורש ביותר התגלות כדי שתמליכוני עליכם נמצא שכל ענין מדת המלכות הוא רק כשיש העלם והסתרה בעולם ובכל זאת בוקעים ישראל אותה הסתרה בכח עבודתם וזה הוא כדי שתמליכוני עליכם אבל אם לא היה שום הסתרה בעולם וכבוד מלכותו ית' היה בהתגלות מפורש לעיני כל לא היה שום מקום לכדי שתמליכוני עליכם.

## זען פארקערט

איך וויל טאקע דערמאנען נאך א נקודה, דער **רבי** האט געזאגט - דער רבי'נס א דיבור[סח]: **"דאס זאלט איר פון מיר מקבל זיין, אז די וועלט זאל אייך נישט אפנאַרן!"**.

דער רבי'נס לעבן איז געווען אז די וועלט האט אים נישט אפגענאַרט. דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל האבן 'אורך ימים ושנות חיים טובים' בפועל ממש, מען זאל אנפילן די יארן און טעג, מיט תורה, מיט תפילה, מיט ישועות ברוחניות ובגשמיות.

אבער עם־כל־זה, דער הייליגער **רבי** האט געזאגט[סט]: **"מען דארף נישט קיין סאך, מען דארף נאר אביסל לעבן - און שיין לעבן!"**.

עס איז א מורא'דיגע זאך, די גשמיות האט אינגאנצן נישט פארנומען קיין פלאץ ביים רבי'ן. וואס דארף ער שוין? אביסל לעבן - און שיין לעבן. די גשמיות האט ביים רבי'ן נישט פארנומען קיין פלאץ. גוט, דאס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן. דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן 'אורך ימים ושנות חיים טובים הרבה' ברוחניות ובגשמיות. אבער דער רבי האט געזאגט: דאס זאלט איר ביי מיר מקבל זיין, די וועלט זאל אייך נישט אפנארן, די וועלט זאל אייך נישט אפנארן.

דער רבי איז געווען דא אזוי ווי דארטן - די זעלבע זאך[ע], די וועלט האט אים נישט אפגענארט. לענינינו, די וועלט זאל נישט אפנארן.

---

**סח.** 'שיחות הר"ן' אות נ"א.

**סט.** 'חיי מוהר"ן' אות תקע"ו: יכול להיות שימות אחד בן שמונים שנה ואף על פי כן מת בקיצור ימים לגמרי, כלומר מאחר שלא הטיב מעשיו בודאי כל שנותיו הבל. אין צריכין רק לחיות אפילו מעט רק שיהיה יפה ונאה (**מע דארף מיין ניט נאר אביסל שיין לעבין**).

**ע.** עיין 'חיי מוהר"ן' אות י"ב, בא"ד וז"ל: ואחר כך בימי אלול הייתי אצלו בעצמי (כי אז בבואו לא הייתי בעצמי רק כל הנ"ל שהיה בעת כניסתו לביתו שמעתי מחברי שהיו אצלו אז), **ותיכף** כשנכנסתי אצלו והוא זכרונו לברכה היה יושב בכבד ראש בצער, והתחיל לדבר תיכף מענין חיים ומיתה, ענה ואמר לי: **הלא בין חיים למיתה אין חילוק כי אם באמה אחת, שעכשיו**

דוד המלך האט געזאגט[עא]: "**הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא**" - ער זאל נישט זען פאלש; ווען מען זעט א ראִיה וואס מ'טאר נישט, האט ער געזען 'שוא', 'שוא', היפך התכלית, היפך וועגן וואס די וועלט איז באשאפן געווארן. נישט אז ער האט פארגעסן דעם תכלית, נאר דער היפך, 'שאול תחתית' רחמנא ליצלן, כרת, דער אויבערשטער זאל זיין דער היטער, עס איז בלאף, 'שוא', עס איז שקר, פאלש, דער גרעסטער פאלש[עב].

עס איז 'זה לעומת זה עשה אלקים', דער שקר קען אפנארן דעם אמת, ער איז אזוי שטארק. אוודאי, בשורש איז ער גארנישט מיט נישט, אבער דא אין דעם עולם הגשמי איז אזוי. אויף דעם בעט דוד המלך "העבר עיני מראות שוא"; 'מראות שוא', געדענקען אז עס איז פאלש.

### פשוט אפגענארט

אמאל איז דא דיאמאנטן וואס מען שאצט דאס פאר מיליאנען. שטעלט אייך פאר א דיאמאנט וואס מען שאצט עס אויף דריי מיליאן דאלער, און עס טוט זיך, די גרעסטע מבינים זאגן ווער עס קויפט עס, קען עס פארקויפן פאר פינעף. און, איינער קויפט עס.

---

**האדם כאן ואחר כך הוא שוכן שם. והִטָה בידו על בית העלמין, כלומר, מי שהוא צדיק ואף במיתתו הוא חי, מה חילוק אצלו בין חיים למיתה?! רק מקודם היה דר בכאן ועכשיו קבע דירתו שם בקבר, והוא חי שם.** ואז התחיל לומר: חיים נצחיים הם רק אצל ה' יתברך ומי שהוא נכלל בו יתברך הוא חי גם כן חיים נצחיים וכו' כמבואר כל זה אצל התורה עתיקא הנ"ל.

**עא.** תהלים קיט, לז.

**עב.** עיין 'הפלאה' על כתובות דף ב' ע"א: וזהו שאמר דוד המלך ע"ה: הט לבי וגו' העבר עיני מראות שוא בדרכך חייני. כי העולם הזה נקרא עלמא דשקרא. אבל יש הפרש בין שקר לשוא כמו שפירש"י, ששקר הוא שהוא באפשרי קצת להאמין אלא שנודע אחר כך שהוא שקר. אבל שוא הוא אומר על העץ שהוא זהב ונודע שאינו בשעתו וכן העולם הזה בעיני כל ישראל מאמינים כל אחד שבבואו לעולם העליון האמיתי וקיים לנצח אז יתודע לו שכל הדמיונות שהיה בעולם השפל הוא שקר אבל מי שזכה לעינים הטהורים בעולם הזה ידמהו בשעתו לשוא ולא יתכן בו הראיה כיון שהוא שוא ואינו בשעתו.

און ווען עס גייען אוועק אלע סוחרים, זעט ער אז עס איז בלויז א שטיקל גלאז, עס איז גארנישט. רחמנא ליצלן, ער האט זיך גענארט, ער האט זיך גענארט.

איך געדענק אליין א זאך וואס איז געווען בְּיָמַי אין אלט-שטאט. עס איז געווען א איד א ספרדי וואס ער האט געהאנדלט מיט קופער. איך געדענק נאך זיין קלייט וואו עס איז געווען.

האט ער געקויפט אמאל ביי די אראבער צען פעסער קופער, עס איז געווען גרויסע פעסער - ארום א דריי-פערטל מעטער. עס איז געווען גרגרים פון קופער וואס קומט גראד פון 'מצרף'. קופער קומט קודם אין גרגרים (- קליינע ברעקלעך). איז דאס פלעגט ער פארקויפן פאר פאבריקן וואס זיי האבן דאס צעגאסן און געמאכט דערפון שיינע קופערנע כלים.

ער האט געקויפט צען פעסער, און ער האט געצאלט א גוטן פרייז, עס האט אים געלוינט, ער האט געוואסט אז דא איז דא א גוטן רכוש.

שוין. די אלע טרעגערס און די מוכרים זענען אוועקגעפארן. ער עפנט עס אויף, עס איז געווען דארט שיינע גרגרים, ער שטעקט אריין די האנט אביסל טיפער - 'זאמד'! אזוי איין פאס נאכ'ן צווייטן.

ער איז געשטראבן אויפן פלאץ...

מען האט אים אפגענארט.

די וועלט נארט אפ.

דער אויבערשטער זאל אפהיטן. עס איז נאר גענארט? עס איז 'איבערגענארט'. עס איז נישט נאר א דיאמאנט פון דריי מיליאן אויף גלאז, עס איז 'שאול תחתיות ומתחתיו' ערגער און ערגער, וואס ווער ווייסט ווען מען וועט עס פטור ווערן.

זיך נישט לאזן נארן!

**אויפגעהערט צו זען**

דער עיקר איז טאקע די אויגן, די אויגן, 'העבר עיני'!

"**אמר רבא, גמירי**" - א קבלה מסיני! - "**אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות!**"[עג] געוואלד, געוואלד! די ראיה! דער ראש! די ראיה איז דאך טאקע אין דעם 'ראש', אין מוח.

איך האב טאקע געהערט אמאל פון **ר' זלמן סורוצקין** א שיינע זאך. עס שטייט[עד]: "**וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ**"; "בין עיניך" גייט דאך אויף דעם מח, דאס איז דער 'בין עיניך'[עה]. [די זאך דארף נישט ביי אונז קיין הסברים, עס איז אַן 'הלכה למשה מסיני'; 'תורה שבבעל־פה' און 'תורה שבכתב' איז די זעלבע זאך; אדרבה, תורה שבבעל־פה איז דער ריכטיגער תורה מסיני וואס דורכדעם ווייסן מיר ווי צו לערנען; 'תורה שבכתב' אָן 'תורה שבבעל־פה' איז קיין תורה נישט אינגאנצן]. אבער, 'ימח שמם', די אפיקורסים און די קראים האבן געטייטשט, 'בין עיניך' - צווישן די אויגן.

איך דערמאן זיך ערשט. דער אויבערשטער זאל אפהיטן כלל ישראל פון ערשט און ווייטער מען זאל זיין באשיצט פון אלע שלעכטס. איך געדענק, אמאל האט מיר א יונגערמאן געזאגט אז זיין יונגעלע האט זיך פארקלאגט נעבעך אויף דער ראיה - 'ער זעט נישט' 'ער זעט נישט' 'ער זעט נישט' - און מען זעט אז ער האט גוטע אויגן.

האט ער אים געברענגט צו אַן אויגן דאקטער, זעט ער אז ער האט גוטע אויגן, וואס הייסט ער זעט נישט?! אבער ער טענה'ט אז ער זעט נישט, ער מאכט זיך דען נאריש?!

האט ער געזאגט, מען זאל מאכן א בדיקה אין מוח פון וואנעט עס קומט די ראיה. האט מען געמאכט דארט א בדיקה, האט מען

---

**עג.** גמ' סוטה דף ח' ע"א.

**עד.** דברים ו, ח

**עה.** עיין גמ' מנחות דף ל"ז ע"ב.

געטראפן, דארט איז געווען פארוואקסן א שטיקל, דערפאר האט ער אויפגעהערט צו זען נעבעך...

ווייל דער מוח זעט, דער מוח זעט. די אויגן איז נאר די ברילן.

האב איך אמאל געהערט פון ר' זלמן סורוצקין א שיינע זאך, אז דאס איז דער "והיו לטוטפות בין עיניך", דא איז די ריכטיגע אויגן - דער מוח; אז די תפילין זאל זיין אין מוח, דאס איז די ריכטיגע אויגן.

## 'לחזות בנועם ה"

איך האב אמאל געהערט. דער **חזון איש** אליין האט געזאגט אמאל איינעם, אז ביי דער בר־מצוה האט ער זיך פארגענומען אז ער וועט כל ימיו לערנען תורה לשמה[עו]. האט איינער אים אמאל געפרעגט: עס איז דאך געווען נאך גדולים וואס האבן געלערנט ווי ער - צו אפילו מער ווי ער, פארוואס האט ער אזוי זוכה געווען?

האט ער געזאגט: "מען דארף אבער היטן די אויגן, אז מען גיט א פארשמיר די אויגן, זעט מען נישט קיין פנימיות!".

עס איז א מפורש'ער **מדרש**[עז]: "**מי שבא דבר ערוה לעיניו**", און ער גיט א פארמאך די אויגן, "**זוכה לחזות בנועם ה'**" - ער זעט 'זיו השכינה', א מורא'דיגע זאך.

זעה וואס ער פארבייט, זעה וואס ער פארבייט פאר שמוץ; 'זיו השכינה' איז דאך 'חיים נצחיים לעולמי עד'; פארקויפט ער עס פאר שאול תחתיות, פאר גיהנום, וואס ווער ווייסט ווען ער וועט עס אויסברענען.

---

**עו.** עיין 'מעשה אי"ש' ח"א עמוד ט"ו.

**עז.** עיין ויקרא רבה כג, יג.

## געלוינט צו באשאפןווערן

בפרט היינטיגע צייטן, ווען א איד ווייסט ווען די שמחה, ווען א איד ווייסט ווען די שמחה פון א גוטן פארמאך די אויגן, עס טרייסלען זיך הימלען, הימלען טרייסלען זיך, די גאנצע בריאה איז דאך צוליב דעם.

בפשטות, די בריאה איז באשאפן געווארן פאר די 'שומרי הברית'. 'עד היום' - נח האט געראטעוועט דער בריאה. 'עד היום' איז דער 'קיום הבריאה', "אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי"[עח], דאס גייט אויף צוויי זאכן, אויף 'קדושת הברית', און אויף דער 'תורה הקדושה'.

אט די צוויי זאכן דאס איז דער יסוד, בפרט ביי בחורים, 'לימוד התורה', מיט 'שמירת הברית', דעמאלס האט מען א רבונו של עולם, עס איז זיס דער לעבן, מען איז ווערד די עסן, מען איז ווערד די טרינקען, מען איז ווערד די שלאפן, ווי מ'זאגט - גשמיות מיט רוחניות.

עס שטייט פון דעם **חוזה מלובלין**, אז א מענטש איז פוגם, זאל ער וויסן אז נישט ווערד - זיין ביסן ברויט איז ער נישט ווערד, ער איז נישט ווערד זיין לעבן, ער עסט ווייל אַן אנדערער איז א 'שומר הברית'; "כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני"[עט]. מען איז גארנישט ווערד.

אבער טאמער מען איז א שומר הברית, איז מען ווערד, מען איז ווערד די עסן, די טרינקען, די שלאפן, אפילו די גשמיות, ווייל די גשמיות איז רוחניות. אז מען האט הרחבת המוחין קען מען זיך שלאגן מיט'ן יצר הרע, מען איז נישט מרה שחורה'דיג, אפילו די גשמיות איז ער ווערד, עס איז איין זאך, איין זאך.

**עח.** ירמיה לג, כה.

**עט.** תענית כד ע"ב.

אז מען גיט אוועק דעם אויבערשטן דער ראיה, דעם "ריח ניחוח לה'", האט מען אלעס. און ווען מען קומט אין קבר, אלע שדים אנטלויפן, אלע לילין אנטלויפן 'פשוטו כמשמעו', דאס איז דאס, דאס איז די נקודה.

בפרט היינטיגע צייטן, אין אזא מין העלמה, וואס די סטרא אחרא האט געעפנט אזא מין באר שחת, ווען מען ווייסט ווען די חשיבות פון קדושה, איז ממש - עס האט געלוינט אראפצוקומען אויף דער וועלט!

איך קען זאגן וואס איך האב געהערט פון אונזערע לייט די פריערדיגע: עס לוינט צו זיין אויף דער וועלט נאר כדי צו זיין אַן אכזר אויף זיך אין דעם ענין - וועגן דעם האט געלוינט צו באשאפן ווערן!

וועגן דעם האט געלוינט צו באשאפן ווערן.

דאס האב איך דערהערט אין דעם ענין פון שמירת הברית וואס מען פלעגט רעדן אין מיינע יונגע יארן.

אז נישט - צו וואס איז מען באשאפן געווארן?![פ].

עס איז דאך מורא'דיג, מען איז דאך מטהר אלע עולמות, אלע עולמות איז מען דאך מטהר.

מען דארף נעמען דעם 'עתיד' און פאררריכטן דעם 'עבר'; נישט נעמען דעם 'עבר' און צוברעכן דעם 'עתיד'[פא].

---

**פ.** עיין 'ליקוטי עצות' ערך 'ברית' אות ב': עיקרא דיצרא בישא הוא על עריין, והיא עיקרא דמסאבותא. **על כן צריכין לידע, שעיקר הנסיון של כל אדם בזה העולם הוא בתאוה זאת אשרי הזוכה לנצח המלחמה.**

**פא.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' מ"ט: **ודע, שעיקר התשובה השלימה היא**, כשאדם עובר באלו המקומות ממש שהיה מקודם התשובה, כל אחד לפי מה שעבר עליו בימים הקודמים, וכשעובר באלו המקומות והענינים שהיה מתחילה ממש, ועכשיו פונה עורף מהם, וכופה יצרו לבלי לעשות עוד מה שעשה, **זהו עיקר התשובה השלימה, ורק זה נקרא תשובה.**

א מענטש דארף וויסן, אז ער האט א נסיון, איז עס אַן 'עת רצון' - זיי מיר ממליך, זיי מיר ממליך, זיי מיר ממליך.

## דער פריץ מיט'ן איד'ל

איך האב אמאל געהערט א מעשה[פב], אין א דארף איז געווען א איד, אַן ערליכער איד, אַן אפגעהיטענער איד. דער פריץ האט געוואוסט אז ער איז אַן אפגעהיטענער, אַן ערליכער איד.

איז געווען נאך א פריץ. האט דער פריץ יענעם געזאגט, "איך האב א איד אזא ערליכער, ער פאלגט וואס דער אויבערשטער הייסט אים". זאגט אים יענער, "יא? איך קען שוין די זאכן, איך וועל דיר ווייזן"...

עס איז געווען שבת ביים צוריקקומען פון שול. די ארעמקייט אמאל איז געווען געפערליך אין דער וועלט. האט דער פריץ אוועקגעלייגט אויפ'ן וועג אוואו דער איד האט געדארפט דורכגיין, א מקום צר, א גוטן בייטל מיט געלט, און עס האט נאך ארויסגעשטעקט די גוטע וואס דארטן איז דא...

'לאמיר זען, לאמיר זען צו ער איז אַן ערליכער איד ווי עס דארף צו זיין'.

שוין, זיי שטייען אויפ'ן באַלקאָן אוןווארטן ביז דער איד קומט מיט'ן טלית פון שול.

דער איד קומט, ער האט גלייך באמערקט - אזא 'אפותיקי'... ער שטייט און ער קוקט, ארעם איז ער געווען ווי דער נאכט, ער זעט עס, און ער טראכט, ער טראכט, ער טראכט, א האלבע מינוט צו א מינוט, און, ער גייט ווייטער.

---

**פב.** לציין שבכמה ספרים מובא סיפור כעי"ז שהיה עם הצדיק הרה"ק רמ"ל מסאסוב זי"ע בעת הילוכו לאסוף מעות לפדיון שבויים.

שוין, אז ער איז אוועקגעגאנגען האט דער פריץ צוריקגענומען דאס געלט.

נאכדעם האט דער פריץ געטראפן דעם איד, האט ער אים געזאגט: "דו ווייסט, איך דארף דיר געבן א גרויסע מתנה, דו האסט מיר געראטעוועט, איך האב זיך געוועט מיט יענעם אנדערן פריץ אויף א גרויסן סכום, און ווען דו הויבסט עס ווען אויף, וואלסטו געכאפט אזוינע קלעפ - א גע'הרג'עטער וואלסטו געבליבן".

אבער איך וויל דיר פרעגן, צו וואס ביסטו געשטאנען אזוי און געטראכט? וואס האסטו געטראכט? איך בין שיעור צעפלאצט געווארן, וואס האסטו געטראכט? איך קען דיר דאך פאר א תמים'דיגער מענטש?

זאגט ער, ניין, איך האב נישט געטראכט עס אויפצוהויבן, איך האב נישט געטראכט צו מטלטל זיין שבת קיין מוקצה און דערצערענען דעם אויבערשטן; נאר אמאל איז דא אַן עצה, מען פארדעקט דאס, מען פארקאטשעט דאס מיט די פיס אין א ווינקל; אבער נאכדעם האב איך געקלערט, 'רבונו של עולם, אויב דו ווילסט מיר געבן געלט, דארפסטו מיר עס געבן שבת מיט היתרים? אז דו ווילסט קענסטו מיר דאך געבן דאס געלט 'מידך הפתוחה והרחבה' אינמיטן וואך'; האב איך געטראכט, דאס איז דאס, מען דארף דינען דעם אויבערשטן און נישט אויפהויבן שבת קיין געלט.

דער פריץ איז געווען גאר צופרידן, און ער האט אים געגעבן א גרויסן פארציע...

א מענטש ווייסט נישט - -

עס איז דאך א געוואלדיגער זכות, א געוואלדיגער זכות.

אז א מענטש האט א נסיון, שטייען מלאכים עליונים און זענען מליצי יושר - 'שטיי!' 'זיי ממליך דעם בורא עולם אויף דיר - האסטו אונז געראטעוועט, מיר וועלן דיר קענען טון טובות ווי עס דארף צו זיין!'.

יעדער איינער האט דאך מליצי יושר; יעדער איינער האט דאך א שורש מלמעלה; אז מען האט מקטרגים, האבן מיר דאך מליצי יושר אויך.

## כלליות התיקון

בפרט, דער הייליגער **רבי** האט מגלה געווען[פג], אז עס איז דא אזעלכע באהאלטענע פלעצער ביי א מענטשן וואס עס קען אפילו נישט צוקומען דארט קיין תיקון, אבער דורך שמירת הברית גייט צו א תיקון צו אלע מקומות הצָרים והדַקים, דאס איז דאס, אזוי האט דער הייליגער רבי מגלה געווען.

אין דעם איז כלול אלעס, אלע תיקונים, אלע תיקונים![פד]

און דאס איז טאקע די עצה, נעמען דעם עתיד און פארריכטן דעם עבר, מאך א גוטע התחלה אויף דעם, א גוטע התחלה.

שוין, דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, עס זאל טאקע זיין ביי אייך בפשטות, "אכלו מעדנים ושתו ממתקים כי חדות ה' הוא מעוזכם". 'מעוזכם' איז 'בו עז' - 'בו תוקפא'[פה], 'קדושה', 'קדושה' דאס איז 'שמחה' (חדות ה'). די שמחה פון ממליך זיין דעם אויבערשטן דאס זאל זיין ביי אייך לשם ולתפארת. איר זאלט עסן און טרינקען, און

---

**פג.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"ט אות ג', וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): ולתקן כל העבירות בפרטיות הם רבים מאד וכבד על האדם ואי אפשר לתקן אותם, כי יש דקדוקים ופרטים רבים בכל לאו ולאו. על כן צריך לתקן תיקון הכללי והוא תיקון הברית, ועל ידי זה נתתקנין ממילא כל הלאוין שעבר, ואפילו למקומות הצרים והדקים שאי אפשר לבוא לשם שום תיקון, על ידי תיקון הכללי זורק תיקונים גם לשם.

**פד.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ל"ו אות ב': ודע שכללות של ע' לשון של מידותיהן הרעות הללו, היא תאות ניאוף. והוא תיקון הכללי, מי שמשבר התאוה הזאת, אזי בקל יכול לשבר כל התאוות.

**פה.** עיין 'תיקוני זוהר' דף עה ע"א: צדיק ודא ברית מילה, דאיהו בועז, ב"ו ע"ז - תקיף על יצריה.

עס זאל אייך זיין גוט בגשמיות, בזכות דעם קרבן לה' וואס מען גיט[פו]. און בזכות די המלָכה וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן מיט דער אמונה הקדושה.

דער **רבי** איז אסאך מקשר די 'אמונה הקדושה' מיט 'שמירת הברית'[פז]. אזוי ווי עס שטייט[פח]: "**וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ**"; אוואו עס איז דא 'שמירת הברית' איז דא 'אמונה'. 'אמונה' מיט 'קדושה' איז איין זאך. אז מען האט דאס, האט מען אלצדינג. "**בא חבקוק והעמידתן על אחת: 'וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה'**"[פט]. מען האט 'חיים', 'חיים נצחיים לעולמי עד ולנצח נצחים'.

עס שטייט[צ]: "**וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם עִיר שְׁכֶם**". יעקב האט געמאכט א נסיעה, ער איז געווען ביי לבן'ען, אין אזעלכע פלעצער, ארויסצונעמען אזעלכע הייליגע נשמות. עס ווערט געבראכט פון **אר"י הקדוש**[צא], די אמהות זענען געווען אזעלכע הייליגע נשמות וואס זענען געווען 'נתונים בין הקליפות', און מיט דעם וואס יעקב האט דארטן געדינט דעם אויבערשטן האט ער ארויסגענומען זיי מיט די שבטי י"ה - די מרכבה דקדושה - דער גרעין פון תכלית בריאת הבריאה. איז ער טאקע געקומען, "ויבא יעקב שלם עיר שכם" - 'שלם בגופו, שלם בתורתו, שלם בממונו'. און נישט נאר דאס, נאר מיט א שפע - דעם גאנצן כלל ישראל ארויסגענומען.

זאל דער אויבערשטער העלפן, מען זאל פארן געזונטערהייט, און פועל'ן אלעס גוטס, און האבן א פרייליכן ראש־השנה, מיט א גוטע

---

**פו.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' בכמה תורות שעיקר הפרנסה והשפע הם כפי תיקונו בשמירת הברית.

**פז.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' לא אות ג'; גם עיין שם תניינא סי' פ"ג.

**פח.** תהלים פט, כט.

**פט.** מכות דף כד ע"א.

**צ.** בראשית לג, יח.

**צא.** עיין 'שער הגלגולים' הקדמה ל"ו.

המלָכה, און קומען געזונטערהייט בשמחה רבה, און טרעפן אלעס גוטס, און אויספועל'ן פארן גאנצן כלל ישראל רפואות ישועות, חיים חן וחסד ורחמים, עלינו ועל כל ישראל, אמן.


# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד הני נדיבים אנשי ה' יראי אלקים, אשר נדבה לבם לחזק את מפעלינו הכביר לרגל שמחת לבם השורה במעונתם
ה"ה
הרב **מרדכי גאלד** נ"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח **רפאל מנחם** נ"ו
עב"ג
מוה"ר **ישראל יעקב וואנחאצקער** הי"ו
למעז"ט בשעטו"מ

.................

מוה"ר **יואל רובין** הי"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח **זלמן לייב** נ"ו
עב"ג
מוה"ר **שמואל וואלף שטערן** שליט"א
למעז"ט בשעטו"מ

.................

הרב **אפרים שלמה הלברשטאם** שליט"א
לרגל הולדות בנו למעז"ט בשעטו"מ

.................

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים בביאת משיח צדקינו בב"א

מורינו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א
ראש הישיבה דבאבוב

מכון
# דורשי יהודך

# מזלא טבא וגדיא יאה

ברכת מזל טוב וגל מעלת כבוד הנדיב דום ומעלה, יחקק לתפארת, בעטרת תפארת, חשוב לראשו כותרת, ואי נביא יקירא, עוסק במעשי צדקות בהדריא, תומך תורה ולומדיה, ואיהו נשיא מצרביה, תורה וגדולה אצלו מטולבין, עמוד החסד ועבודה מדותיו מחוטבין

הרה"ח
## יצחק יואל שטיינער
הי"ו

לכבוד השמחה המרובה השורר בביתו
## בנישואי בתו הכלה
שתחי' בשעטו"מ

עב"ג הבה"ח **מרדכי אפרים פישל** נ"י
בן מוה"ר **שמואל נחום שווארטץ** שליט"א

ולקחו מקח טוב לעצמם לרגל השמחה השורר בביתם
## פרנס החודש

כמעט הברכות יתברך שהוויה יצלח יצה ישה, ויזכה לראות רב תענוג ונחת דקדושה, שעשע ברכה והצלחה במעשי ידיו לטובה ולברכה להרים קרן התורה, וכן אמינא יישר לפעלו טבא, ומגלגלין זכות על ידי זכאי, אשר נשאו לבו חפצו בחכמה ובהשכל לצאת בעול הוצאות המרובות, ועץ חיים היא למחזיקים בה, ובודאי שהקב"ה ישלם לו משכורתו שלימה, שבזכות הרבצת תורת מורינו הגה"צ שליט"א יתברך בכל מילי דמיטב ברוחניות ובגשמיות, ויתברך בכל הברכות האמורות בתורה, עושר ואושר, חיים בטובים ומתוקים, ויזכה לשתי שלחנות בהרחבת הדעת ומנוחת הנפש בבריאות איתנה ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו, אמן.

**אליעזר וואלדמאן**
**נחמי' הכהן דייטש**

בשם מכון דורשי יהודך

# יאמץ לבך

מען דארף זיך באנייען אין דער זאך פון 'המלָכה' שטארקער און שטארקער, בפרט ראש השנה, מיט א גרויסע שטארקע אמונה – **'איך האב א הייליגן גאט, איך האב א גרויסן גאט, ער איז מיין גאט, איך ווער 'נקרא על שמו', מיין נאמען איז "ישראל", 'שמו משותף בשמנו'.**

דער תיקון פון אלע עולמות, און דער גילוי אלוקות פון אלע עולמות וואס דער אויבערשטער וויל אז עס זאל נתגלה ווערן, איז נאר תלוי אין אידישע מעשים, נישט אין קיין אנדער זאך.

עס דארף זיין אזוי חשוב ביי אונז יעדע שטארקע 'אמונה', יעדע ברכה, יעדע הודאה, יעדע פּאָר ווערטער פון תפילה, פון דארטן איז מען 'שואב' די 'המלָכה'; אט דאס איז כלפי אונז.

(מתוך דרשת הכנה לראש השנה – שנת תשע"ה לפ"ק)